און קערט די ערד
מיט סווישטש און הוק.
זי גייט גלייך אויפן מיל
און אויף די בריקן.
זי וועט דערשטיקן
קעלבער, בהמות און פערד;
און סטויגן היי
טראָגן ווי שפּריי.
און ווענט פון שטאַלן
וועלן פאַלן
אונטער איר גבורה.
דער רבי זאָגט: ווען איינער טוט
אַ וואָרף אַ מעסער
אין דער בורע
וועט שפּריצן בלוט.

מינא באָרדאָ / ניו־יאָרק

## די אַראָפּנידערונג

אַ שרפה דער הימל, אַ בלוט־באָד די צייט;
אַנטפּלעקט זיך גאָטס פּנים, אין צאָרן ער שרייט —
פאַלט טעמפּ גאָטס וואָרט פון הימל אַראָפּ;
ס׳קראַכט די לעגענדע פון גאָטס צען־געבאָט.

געוואונען צוויי שלאַכטן האָט שטורעם פון צייט:
גאָט פון מענטש, מענטש פון גאָט איז באַפרייט!
פאַרשלאָסן גאָטס טויער, מענטש טויב צו גאָט־געשריי;
ווייטיקט גאָט, אָבער מענטש פילט ניט זיין גאָטלאָזן וויי!

עס יאָמערט גאָטס האַרץ אויף דער שטומער מענטש־פּיין;
עס איז שווער אים אין הימל אַ גאָט ווייטער צו זיין.
מיטן בליץ פון זיין אויג טוט ער דעם הימל אַ ריס;
די ערד קייקלט מענטשן, אָן קעפּ און אָן פיס.

ניט ער צאָרנט, נאָר ברומט אין גאָט־פּאַטערשן שרעק:
„עס איז דאָך מיין פאָלק, וואָס הינקט אויף קוליעס אוועק!״
צעברעכט ער די שלעסער פון זיין הימלישן טויער,
ער נידערט אין תהום פון מענטשישן טרויער.

נעמט גאָט שפּיז און שווערד אין זיין האַנט,
און לאָזט זיך גיין מיטן פאָלק זאַלבענאַנד.
וואַנדערט און וואַגלט אויף מענטשישע וועגן —

ד״ר. יעקב שאַצקי / ניו־יאָרק

# א. גאָלדפאַדנס „די רעקרוטן״*)

1

ווינטער 1876 האָט גאָלדפאַדן אָנגעשריבן און אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין באָטושאַן (רומעניע) זיין דריי אַקטיקן פאַרס א. נ. „די רעקרוטן״.

פון די אומשטענדן, אין וועלכע די דאָזיקע ערשטע גרעסערע רעפּערטואַר־פּיעסע זיינע איז געשריבן, אָדער ריכטיקער געזאָגט אָנגעוואָרפן געוואָרן, איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלדפאַדענען, סיי פאַר דער טעאָטער־פּאָליטיק פון זיין טרופּע. בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה איז דאָס רעקרוטירן יידן אין דער רוסישער ארמיי, וואָס איז געוואָרן אַ געזעץ אין 1874, דורכגעפירט געוואָרן זייער שטרענג. דאַמאָלסט האָט מען איינגעפירט דאָס דינען פון דינען אין דער עלטער פון 21 יאָר. עס זיינען געמאַכט געוואָרן זייער א סך פאַרלייכטערונגען, דאָך איז די דאָזיקע פליכט געפאַלן ווי אַ שווערע לאַסט אויף אַ באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו מיליטער־דינסט און וואָס האָט וויניק געגלויבט אין אַ באַלוינונג אין דער פאָרם פון גלייכבערעכטיקונג, ווי עס האָבן געהאָפט א סך פון די רוסיש־יידישע פּובליציסטן און כלל־טוער פון יענער צייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַנטלויפן פון יידישע יונגע לייט קיין רומעניע, וואו יידן זיינען געווען פריי פון מיליטער דינסט. די רוסישע רעגירונג האָט אָבער אויסגעפועלט, אַז מען זאָל ארעסטירן די דעזערטירן און אָפּגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן אין די נאָענטסטע רוסישע גאַרניזאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון רומעניע.

רומעניע איז געוואָרן אויס גן־עדן פאַר די „איין און צוואַנציקער״ און א סך פון זיי זיינען אַוועק קיין גאַליציע און זיך דאָרטן באַזעצט.

גראָד אין יענער צייט קומט אָן אברהם גאָלדפאַדן מיט זיין „טרופּע״ ד. ה. מיט די צוויי אַקטיאָרן גאָלדשטיין און גראָדנער אָדער גראָדנער קיין באָטושאַן. שפּילן טעאַטער איז געווען אוממעגלעך, ווייל צוליב דער מהומה איז יעדער געזעסן באַהאַלטן אין שטוב און זיך ניט געוויזן אין גאַס, א פשיטא אין אַן עפנטלעכן פלאַץ, ווי א וויין־קעלער אָדער ביר־גאָרטן.

די רוסישע קאָרעספּאָנדענטן פון רומעניע פון יענער צייט שילדערן מיט אַ סך גאָליקייט און איבערגעטריבענעם קאָמיזם דעם פחד, וואָס האָט ארומגענומען די יידישע בחורים אין די רומענישע שטעט, בעת זיי האָבן דערזען א זשאַנדאַרם אָדער אַ מיליטער־מאַן.

גאָלדפאַדן האָט געמוזט זיצן אין זיין אכסניא, באַהאַלטן אויף אַן בוידעם שטיבל, און ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן א פּיעסע, וואָס זאָל אַקטואַליזירן דעם מהומה־מאָמענט אין שייכות מיט דעם רעקרוטירן יידן.

גראָדנער האָט אים דערציילט, אַז אין זיין רעפּערטואַר געפינט זיך אַ קאָמישער מאָנאָלאָג פון א רעקרוט. דאָס איז ניט געווען קיין יידי־שער רעקרוט, נאָר אַ פויער, וואָס ווערט רעק־רוטירט און מען לערנט מיט אים די תכסיסי מלחמה. דער קאָמיזם פון דעם מאָנאָלאָג באַ־שטייט אין דער פיזישער אומגעלומפּערטקייט פונעם פויער און אין דעם גראָטעסקן קאָנט־ראַסט צווישן באַפעל און אויספיר.

אַזעלכע געשטאַלטן פון תמימותדיקע און אומגעלומפּערטע רעקרוטן געפינען מיר אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור פון דער וועלט. אָנהויבנדיק מיט פּלויטוס, דעם רוימישן קאָ־מעדיען שרייבער, וואָס האָט אין זיין „דער

*) אַ קאַפּיטל פון א מאָנאָגראַפיע וועגן אברהם גאָלדפאַדן (1908־1840), וואָס איך גרייט צום דרוק.

